**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/26/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול אנאנסירט שריטן צו באשיצן ניו יארקער פון אטעמען קראנקהייטן דעם הערבסט און ווינטער**

***ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט ווארנט אז קאָוויד-19, סעזאנעלע פלו און ׳רעספעראטאָרי סינציטיאל ווירוס׳ פעלער שטייגן; שפיטאל קאפאציטעט באגרעניצט אין געוויסע ראיאנען***

***גאווערנער האט באקומען פלו איינשפריץ און מוטיגט ניו יארקער צו באקומען די פלו און קאָוויד-19 וואקסינאציעס און בוסטערס און זיך פירן מיט אפזונדערן, זיך מאסקירן און ריינקייט במשך די קאלטע וועטער חדשים***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט געמאלדן טריט וואס דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט נעמט איף צו העכערן באוואוסטזיניגקייט און באשיצן ניו יארקער קעגן אטעמען ווירוס אינפעקציעס וועלכע שפרייטן זיך דעם הערבסט און איז ערווארטעט ווייטער אנצוהאלטן במשך דעם ווינטער. געזונטהייט באאמטע מוטיגן דעם פובליק צו נעמען טריט געאייגנט איף אפצושטעלן די פארשפרייטונג פון אנשטעקיגע קרענק אזוי ווי פעלער פון סעזאנעלע אינפלוענזע, קאָוויד-19 און ׳רעספּעראטאָרי סינציטיאל ווירוס׳ שטייגן, מיט דעם וואס מער ניו יארקער בלייבן אינעווייניג צוליב די קאלטע וועטער.

״מיר לאזן זיך נישט נאך אין אונזער קאמף קעגן טויטליכע אטעמען קראנקהייטן — מיר האבן געמאכט הכנות פאר׳ן ווינטער און מיר זענען גרייט,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״ניו יארק סטעיט נעמט שריטן איף צוצושטעלן אנווייזונגען צו שפיטעלער און ארטיגע העלט דעפארטמענטס זיכער צו מאכן אז מיר האלטן ניו יארקער אפגעהיטן און געזונט. אונזער בעסטער שאנס איף באשיצן זיך און אונזערע ניו יארקער מיט-בירגער פון אטעמען קראנקהייטן איז ווייטער דאס זיך וואקסינירן, בלייבן אפ-טו-דעיט מיט בוסטערס און גוטע ריינקייט פירונגען.״

גאווערנער האוקול האט באקומען איר סעזאנעלע פלו איינשפריץ און געמוטיגט אנדערע ניו יארקער צו באקומען דעם היי-יעריגן פלו וואקסין זיך צו באשיצן קעגן אינפעקציע. דער פלו וואקסין איז צו באקומען פאר יעדער וואס איז 6 חדשים און העכער, און שטארק רעקאמענדירט פאר מענטשן מיט כראנישע קראנקהייטן, יונגע קינדער און מענטשן וואס זענען טראגעדיג — אלע פון וועלכע האבן א געהעכערטע ריזיקע פון אנטוויקלען ערנסטע קאמפליקאציעס פון אינפלוענזע.

פריער דעם הערבסט האט דער סטעיט העלט דעפארטמענט (DOH) ארויסגעגעבן א [געזונטהייט באראטונג](#) בנוגע אטעמען קראנקהייטן פאר שפיטעלער, ארטיגע העלט דעפארטמענטס, לאבאראטאריעס, עמערדזשענסי רומס, און פארזארגער אין פאמיליע מעדיצין, פריימערי קעיר, קינדער דאקטוריי, יוגנטליכע מעדיצין, אנשטעקיגע קרענק, נוראלאגיע און אינפעקציע קאנטראל פראקטיצירער. כאטש נישט ספעציפיש צו קיין איינציגע ווירוס, האט די מודעה ארויסגעהויבן מער האספיטאליזאציעס פון די סארטן קראנקהייטן און פארזארגן פעדעראלע הילפס-מיטלען.

די בעסטע באשיצונג קעגן אטעמען ווירוסן איז צו באקומען די סעזאנעלע פלו און קאָוויד וואקסינען, זיך האלטן אפ-טו-דעיט אויף קאָוויד-19 בוסטערס (אריינגערעכנט די לעצטנס אויטאריזירטע קאָוויד-19 ביייוואַלענטיגע בוסטער פאר וועמען עס איז צוגעפאסט), זיך פירן מיט סאציעלע אפזונדערונג, טראגן מאסקעס אין געדרענגעניש פון מענטשן, און ניצן פאסיגע ריינקייט, אריינגערעכנט דאס אפטע האנט-וואשן.

DOH באאבאכט ראיאנישע שפיטאל קאפאציטעט און שטיין אין פארבינדונג מיט שפיטאל און העלטקעיר סיסטעמען וועלכע זענען גרעסער ווי נארמאלע פאציענט מאסן אין זייער עמערדזשענסי דעפארטמענטס און אינפעישענט איינהייטן. אויב איר זענט קראנק און ווייזט ארויס סימפטאמען פון אן אטעמען ווירוס, רעדט זיך אדורך מיט אייער פריימערי קעיר פארזארגער.

**ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט קאמיסיאנערין דר. מערי טי. באסעט האט געזאגט,** "אזוי ווי דער סעזאן פון אטעמען ווירוסן האט זיך שוין אנגעהויבן, אריינגערעכנט קאָוויד-19 אינפלועזנע און 'רעספעראטאָרי סינציטיאל ווירוס' (RSV), קענען די סימפטאמען פון אלע דריי קראנק צומאל אויסזען די זעלבע, און פאר דער איבערוויגנדער מערהייט פון עלטערע קינדער זענען די קראנקהייטן מילדע. בשעת מירווארטן אויף א RSV וואקסין, האבן מיר צוויי איינפאכע עצות פאר עלטערן און אויפציער: מאכט זיכער אז אייער קינד איז אפ-טו-דעיט אויף זייער קאָוויד-19 וואקסינאציע, און באקומט א פלו איינשפריץ פאר קינדער 6 חדשים און העכער. אפילו אויב אייער קינד ווערט קראנק, האבן דאך די ווירקונגען פון אימוניזאציעס באוויזן צו פארלייכטערן די ערנסטקייט פון די קרענק. אויב איר זענט באזארגט איבער אייער קינד, רעדט מיט א קינדער דאקטער אדער אנדערע העלטקעיר פראפעסיאנעל. אויב איז אייער קינד געבוירן פריצייטיג, אדער איז אויף אן אנדערן אופן עמפינדליך, זאלט איר פרי אויסזוכן מעדיצינישע יעוץ."

## רעספעראטאָרי סינציטיאל ווירוס'

'רעספעראטאָרי סינציטיאל ווירוס' איז א סעזאנעלע אינפעקציע וואס שטעלט פאר א ריזיקע צו פיצעלעך קינדער אונטער 6 חדשים און אימון-אפגעשוואכטע מענטשן, מיט סימפטאמען ענליך צו דעם אלגעמיינעם פארקילעכץ, פון הוסטן אן קיין אויפהער און כארכלען ביז פיבער. כאטש דער אפט-ערשיינענדע ווירוס פארשפרייט זיך אין אלגעמיין במשך די הערבסט און ווינטער חדשים, זענען DOH באאמטע RSV פעלער אין ניו יארק נאך פריער היי-יאר.

אויף צו מערן באוואוסטזיניגקייט איבער RSV, וועט DOH פארזארגן אן אינפארמאציאנעלע מעלדונג צו העלטקעיר און קינדער-אויפפאסער, אינאיינעם מיט איינקערפערן בילדונגס און אפהאלט מודעות אין געשפרעכן מיט ביידע. DOH וועט אויך אויסניצן סאָושעל מידיע אויף צו פארשפרייטן דעם ווארט דורך א ווידעאו מודעה פון דר. באסעט און טוט כסדר אַפּדעיט'ען אינפארמאציע אויף איר [וועבזייטל](#) אויף ארייננצונעמען קריטיש-וויכטיגע אינפארמאציע איבער די טראנסמיסיע פון די און אנדערע ויראלע אטעמען קראנקהייטן.

כאטש עס איז נישט דא קיין וואקסין פאר RSV, ווערט דאס טעסט'ען און באהאנדלען דערפאר געדעקט דורך אינשורענס. ניו יארקער וועלכע האבן דעקונג פראבלעמען פאר RSV אדער סיי וועלכע אנדערע מעדיציניש-נייטיגע באהאנדלונג קענען [איינגעבן א קלאגע](#) מיט דעם ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון פינאנציעלע סערוויסעס.

## סעזאנעלע אינפלועזע

אזוי ווי מיט RSV, טוט פרעלימינארע דאטא אנווייזן אז דער פלו סעזאן הייבט זיך אן דאס יאר פריער ווי געוועגליך, און צוליב דעם טוט DOH מוטיגן ניו יארקער נישט אפצולייגן דאס באקומען זייער יערליכער

פלו אײנשפּריץ. די אגענטור האלט אן א [וועכנטליכע נאכשפירער](#) וואס ווײַזט פלו פעלער לענגאויס דעם סטעיט במשך דעם גאנצן פלו נאכשפיר סעזאן, וואס באשטייט פון אקטאבער ביז מאי פון דאס פאלגענדע יאר.

פריער דעם חודש האט DOH איינגעפירט איר [יערליכן פובליק עדיוקעשען קאמפיין](#), דערמאנענדיג פאר סיי ערוואקסענע און סיי עלטערן צו באקומען די פלו און קאָוויד-19 איינשפריצן פאר זיך און קינדער 6 חדשים און העכער. אומגעפער 3 מיליאן אינפלוענזע איינשפריצן זענען געגעבן געווארן ביז אקטאבער 26.

## [קאָוויד-19](#)

אין דער זעלבער צייט, שטייט ניו יארק סטעיט צוגעגרייט פאר אן אויפשטייג אין קאָוויד-19 אינפעקציעס, וועלכע זענען שארף געשטיגן במשך די הערבסט און ווינטער חדשים צוויי יאר נאכאנאנד. פעלער זענען מיטלמעסיג ביז אהער — צווישן בערך 10 ביז 25 פער 100,000 מענטשן אין יעדן ראיאן — כאטש שפיטאל איינטריט זענען געוואקסן און זענען יעצט צווישן אומגעפער צוויי און דריי פער 100,000 אין יעדן ראיאן.

קאָוויד-19 זעצט פאר ווייטער אומפראפארציאנעל צו באווירקן עמפינדליכע טיילן פון דער באפעלקערונג, אריינגערעכנט עלטערע מענטשן און אימיון-אפגעשוואכטע יחידים. במשך די פארלאפענע אכט וואכן, זענען 60 פראצענט פון קאָוויד שפיטאל איינטריטן געווען פאציענטן פון 65 יאר און העכער.

אין איינקלאנג מיט דעם הערבסט אקציע פלאן אויסגעארבעט פאראיאריגן זומער, האט DOH ווייטער אנגעהאלטן נעמען שריטן צו פארשטערקערן דעם סטעיט׳ס גרייטקייט פאר א פאטענציעלע אויפשטייג אין אינפעקציעס דעם הערבסט און ווינטער. איבער 2.6 מיליאן אינדערהיים קאָוויד-19 טעסטס זענען אויסגעטיילט געווארן צו סקולס לענגאויס דעם סטעיט, מיט נאך 30 מיליאן טעסטס פאראן במשך דעם בעפארשטייענדעם יאר.

די אגענטור ארבעט אויך נאענט מיט פארזארגער און ארטיגע העלט דעפארטמענטס צו מוטיגן קאָוויד-19 וואקסינאציע און בײַוואַלענטיגע בוסטערס, וואס קינדער פון 5 און העכער קענען באקומען אויף זיך צו באשיצן קעגן אינפעקציע. אין צוגאב צו באקומען די פלו און קאָוויד-19 וואקסינען, זענען פאראן געוויסע פראקטישע אופנים אויסצומיידן דאס ווערן אנגעשטעקט און פארשפרייטן RSV, פלו און קאָוויד-19 ווירוסן דעם הערבסט און ווינטער:

- וואשט אייערע הענט אפט מיט זייף און הייסע וואסער אויף ווייניגסטנס 20 סעקונדעס אויף זיך צו באשיצן פון דזשערמס און פארמיידן זיי פארשפרייטן צו אנדערע.
- טראגט אן אלקאהאל-באזירטע האנט סאניטייזער מיט ווייניגסטנס 60 פראצענט אלקאהאל אויף צו ניצן ווען עס געפונט זיך נישט קיין זייף און וואסער.
- הוסט נישט און ניסט נישט אריין אין די הענט. ענדערשט, דעקט אייך צו דעם מויל און דער נאז.
- בלייבט אינדערהיים אויב איר זענט קראנק.
- טראגט א מאסקע וואס דעקט אייער נאז און מויל אויב איר זענט אן קיין סימפטאמען.

DOH זעצט פאר ווייטער דורכצופירן אפפאל-וואסער נאכשפירונג פאר קאָוויד-19 טראנסמיסיע, וואס וועט ערמעגליכן פאר געזונטהייט באאמטע צו דערשפירן פאטענציעלע אויפשטייג לענגאויס דעם סטעיט. דאס זעלבע וועט די אגענטור ווייטער קאארדינירן מיט ארטיגע העלט דעפארטמענטס אויף אויפצושטעלן נאך פאַפּ-אַפּס צו ליפערן די וויכטיגע באשיצונג צו קאמיוניטיס וואו וואקסינאציע ראטעס זענען נידעריגע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418